דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א
א לעכטיגן גוט מארגן ב קרח א דר״ח תמוז תשפו
קול פנים מאירות 845-414-8211

**ברכות און וואונטשן לכבוד ראש חודש תמוז**

א גוט מארגן, מאנטוג פרשת קרח, א׳ דראש חודש תמוז תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און גבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און גבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און גבענטשטן חודש; און א פרייליכן, לעכטיגן און גבענטשטן תמיד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועליט אלעס גוטס, בעטס אייך אויס. א לעכטיגן זומער, א פרייליכן זומער, א בשורה טובה׳דיגן זומער, אן אמונה׳דיגן זומער, א תורה׳דיגן זומער, א הייליגן און לויטערן זומער. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז דעם זומער זאל מען נאר הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות; עס זאל נישט זיין קיין שום טראגעדיעס, קיין שום שוד ושבר בגבולינו, נאר אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיינו. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז אלע אידן זאלן מאכן שמחות, גאנצע שמחות, שלימות׳דיגע שמחות. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז די חדשים תמוז און אב הבאים עלינו לטובה זאלן זיין חדשים פון שמחות, פון ישועות, פון בשורות טובות, פון התקרבות להקב״ה, פון אך טוב וחסד, און מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה.

דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן! זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו, מאת ה׳ היתה זאת היא נפלאת בעינינו, אנא ה׳ הושיעה נא אנא ה׳ הצליחה נא. דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן!

**קבלות טובות: אהבת ישראל און כיבוד אב ואם**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זייטס מקבל לכבוד די הייליגע טעג וואס הייבן זיך היינט אן, זייטס מקבל אויף זיך נישט ווי צו טון קיין שום איד. נישט צו טון קיין שום פעולה, נישט אין רוחניות און נישט אין גשמיות, וואס קען ווי טון א צווייטן איד; אפילו א ספק ספיקא פון ווייטאג, אדער אפילו אן אבק פון צער פאר א צווייטן איד. לאמיר מקבל זיין די קבלה טובה, די מצוה פון ״ואהבת לרעך כמוך״ וואס ברענגט צו ״ואהבת את ה׳ אלקיך״. עס זאל נישט זיין קיין קנאה און נישט קיין שנאה; נישט האבן קיין פיינטשאפט צו קיין שום איד, נישט האבן קיין שום איד וואס איך רעד נישט צו אים, וואס איך קען אים נישט קוקן אין פנים אריין, וואס איך פארגין אים נישט, אדער וואס איך בין אים נישט סובל. ליב האבן אלע אידן, פרייליך זיין מיט אלע אידן, און נאנט זיין מיט אלע אידן. און אוודאי אוודאי, חלילה וחלילה, אויב עס זענען דא מענטשן מיט וועמען איך בין אפגעהאקט, זאל איך זיך איבערבעטן און זיך נאנט ברענגען; עס זאל נישט עקזיסטירן אזא זאך ווי זיין אפגעהאקט.

לאמיר עס מקבל זיין אלס א זכות פאר אונז, פאר אונזערע קינדער, פאר אונזערע דורות, און פאר גאנץ כלל ישראל: מקיים צו זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם מיט אלע הידורים און מיט א מסירות נפש גמור. און אוודאי, חלילה וחלילה, נישט אנטלויפן פון די עלטערן, נישט זיין אפגעהאקט פון די עלטערן, נאר רעספעקטירן די עלטערן.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זייט אייך מקבל א זכות פאר זיך און פאר אלע מענטשן וואס דארפן ישועות. איר ווייסט דאך אז עס זענען דא אזעלכע וואס זענען ליידער נישט געזונט, אדער האבן נישט קיין פרנסה; עס זענען דא מענטשן וואס זייערע קינדער גייען נישט אויף די ערליכע וועגן און מען ווארט זיי זאלן שוין צוריקקומען. הערט אויס די שיעורים, צען מינוט כיבוד אב ואם וואס מיר געבן איבער, און לייגט אריין כוחות מקיים צו זיין דאס וואס מיר זאגן אין די שיעורים, ווי אויך צו צושפרייטן און מפרסם זיין די שיעורים ווייטער. אין דעם זכות וועט איר זוכה זיין צו אלע השפעות טובות און צו האבן נחת פון די קינדער; איר וועט זוכה זיין צו א פרייליכן און לעכטיגן זומער, צו א פרייליך לעכטיג יאר, און צו זיין פרייליך און לעכטיג תמיד.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען דארף נעמען די טעג ערנסט. אויב איר וועט אויסהערן די שיעורים, וועט איר פארשטיין פארוואס מיר רעדן אזוי פיל איבער כיבוד אב ואם. כיבוד אב ואם איז די עצה טובה קמ״ל פאר אלע פראבלעמען ביי כלל ישראל. דער אייבערשטער זאל שיקן כל מיני ישועות, און אלע אונזערע תפילות זאלן מקובל ווערן ברחמים וברצון, אמן כן יהי רצון.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר רעדן יעצט פון מקבל זיין אויף זיך ענינים פון בין אדם לחבירו און כיבוד אב ואם. אבער דער אמת איז, אז מיר דארפן מקבל זיין בכלליות צו דינען דעם אייבערשטן און נישט זיך אליין, און צו לעבן מיט אמונה פשוטה. מיר דארפן וויסן אז ווען מען דינט דעם אייבערשטן און מען טוט דעם רצון השם, **״אין אדם שומע לי ומפסיד״** – מען קען קיינמאל נישט שאדן האבן; מען קען נאר פארדינען. און אפילו ווען עס קוקט אויס ווי עס געשעט חלילה א שאדן, דארף מען גלייבן אז דאס איז באמת א רווח, און צום סוף וועט עס זיין א געדאפלטער רווח מיט אסאך פראפיטן און אינטערעסט.

**די מעשה פון די פלעיגרופ: פנימיות קעגן חיצוניות**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, הערט א מעשה. ס׳איז געווען א פרוי אין די מיטעלע יארן - נישט קיין יונגע און נישט קיין אלטע - וואס זי האט געהאט א פלעיגרופ. וואס איז א פלעיגרופ? א פלאץ וואו די קליינע קינדער קומען זיך צונויף יעדן טאג און די יארגאנג פאר זיי הייבן אן חדר אדער מיידל שולע, און זיי גייען צו א פרוי וואס היט זיי אפ. ס׳איז דא א גאנצע שטאב; מ׳רופט עס בעיביסיטינג, מ׳רופט עס א פלעיגרופ, א פלאץ וואו קינדערלעך קומען זיך צוזאמען, מ׳היט זיי אפ, מ׳שפילט זיך און מ׳פארברענגט אינאיינעם. יעדער פארשטייט וואס דאס איז, ווייל איבעראל אין די וועלט זענען דא אזעלכע פלעצער וואו די קינדער קומען זיך צוזאמען און מ׳היט זיי אפ, כדי די עלטערן זאלן קענען גיין ארבעטן אדער זיך אפרוען, און די קינדער זאלן האבן חברותא.

די מיטל-יעריגע פרוי האט אריינגעלייגט אסאך כוחות אין די איכות פון די קינדער: תורה, תפילה, אמונה, שמחה און יראת שמים. אבער אזוי ווי איר אלע ווייסט, שפילט חיצוניות היינטיגע צייטן א גרויסע ראלע אין אלע מוסדות; מ׳דארף אהיימשיקן שיינע צעטלעך און שיינע זאכן וואס די קינדער האבן געמאכט, און מ׳דארף מאכן – ווי מ׳זאגט – אסאך חיצוניות. די פרוי האט זיך אבער נישט אזוי ווייט אריינגעטון דערין. אוודאי האט זי עס געטון, וויבאלד ס׳פעלט זיך אויס פארן דור, אבער איר עיקר כוחות האט זי אריינגעלייגט אין די איכות, אינעווייניג אין די פנימיות פון די קינדער, זיי צו ברענגען צו צופרידנהייט און גוטע מידות, און די עלטערן זענען טאקע געווען זייער צופרידן.

נו, מה עשה הקדוש ברוך הוא? דער אייבערשטער שטעלט דאך אונטער נסיונות, וויבאלד א מענטש איז אראפגעקומען אויף דער וועלט זיך צו פלאגן, און דער יצר הרע איז געווען זייער נישט צופרידן. האט דער יצר הרע אונטערגעשטעלט א פאר יונגע עלטערן וואס זענען נאך נישט געווען גענוג מיושב און רייף צו פארשטיין וואס דער תכלית החיים און דער תכלית פון חינוך אויף דער וועלט איז. האבן זיי אנגעהויבן פארפירן אז מ׳דארף שוין די עלטערע מחנכת אוועקשיקן פון דארט, ווייל זי פארשטייט נישט און זי ברענגט נישט גענוג ארויס די היינטיגע חיצוניות׳דיגע זאכן וואס מ׳מאכט און מ׳שפילט מיט די קינדער. זיי האבן טענה׳ט אז זי שיקט נישט אהיים די אלע חיצוניות׳דיגע, אויבערפלעכליכע און אפשר אפילו מגושם׳דיגע זאכן.

למעשה איז געקומען א טאג וואס עטליכע פון די עלטערן זענען געווארן ממש אנגעצויגן, און איינער, א טאטע פון איינע פון די קינדער, האט געשיקט א בריוו צום בעל הבית פונעם פלאץ, אז מ׳דארף די מחנכת — די איבערגעגעבענע באבע — ארויסשיקן פון דארט, ווייל עס איז נישט געמאכט פאר די היינטיגע קינדער. יעדער ווייסט דאך אז ווען מ׳עפנט אזא פלאץ, א פלעיגרופ אדער א מוסד וואו מ׳נעמט צוזאם קינדער, איז עס פאר פרנסה; קיינער טוט עס נישט בלויז לשם מצוה. און אז מ׳זעט אז עס איז דא קריטיק, שיקט מען אוועק. וכך הוה, דער בעל הבית האט געמאלדן אז ער קען נישט סובל זיין קיין קריטיק, דער היינטיגער דור פארטראגט עס נישט, און ער האט איר אפגעזאגט.

עס איז אבער געווען א צווייטער טאטע וואס האט אויך געשיקט אהין זיינע קינדער, א צווייטע משפחה, און ווען זיי האבן געהערט דערפון האט עס זיי זייער געשטערט. זיי שיקן דייקא אהין צוליב דער מחנכת, וויבאלד זי געבט אזויפיל אריין: אזויפיל מידות טובות, יראת שמים, צניעות און ערליכקייט; זי לייגט אריין אזויפיל תוכן אין די קינדער. דאס אז מ׳האט איר אפגעזאגט האט זיי זייער ווי געטאן.

האט ער אנגערופן די פרוי און איר געפרעגט: ״איז עס אמת אז מ׳האט דיר אפגעזאגט?״ האט זי געענטפערט: ״יא.״ האט ער ווייטער געפרעגט: ״איז עס אמת אז דאס איז געקומען צוליב א בריוו וואס איינע פון די עלטערן האבן געשריבן צום בעל הבית?״ ״יא, ס׳שטימט, אזוי איז עס טאקע געווען,״ האט זי באשטעטיגט. האט ער געפרעגט פון דער פרוי: ״זאג מיר דעם אמת, האסטו טאקע לעצטנס אביסל נאכגעלאזט פון דיין ארבעט? איז דא עפעס אויף וואס מ׳קען זיך ארויפכאפן?״ האט די פרוי געזאגט: ״דער אמת איז, אז עס איז דא אויף וואס זיך ארויפצוכאפן.״ ״וואס איז געשען?״

״לא עלינו ולא עליכם ולא על כל ישראל, זי האט א קינד וואס איז ליידער זייער נישט געזונט, און מ׳דארף זיך אסאך אפגעבן מיט אים. זי פרובירט צו קעמפן אויף צוויי פראנטן: מצד אחד פרובירט זי זיך אפצוגעבן מיט די קינדער אין איר ארבעט-פלאץ יעדן טאג, זיי צו געבן אלעס וואס זיי דארפן, כדי זיי זאלן גארנישט שפירן אז ביי איר אינדערהיים איז דא א שוועריגקייט; און מצד

השני פרובירט זי אויך צו העלפן איר אייגן קינד. מ׳דארף אים אויסהיילן און זיך אפגעבן מיט א קינד וואס שפירט נישט גוט, מ׳דארף טון אלעס וואס מ׳קען. זי איז פשוט צוריסן צווישן די צוויי עבודות הקודש וואס זי האט. האט זי טאקע אביסל נאכגעלאזט אין די חיצוניות׳דיגע זאכן; די פנימיות׳דיגע זאכן האט זי בשום אופן נישט נאכגעלאזט, אבער די חיצוניות, די זאכן וואס די היינטיגע יונגווארג דארף האבן, דאס האט זי טאקע אביסל פארנאכלעסיגט.״

ווי נאר דער איד האט דאס געהערט, האט ער ביי זיך געטראכט: ״ס׳קען נישט זיין אז א פרוי וואס געבט זיך אפ מיט די רוחניות פון די קינדער, און ווען עס קומען שוועריגקייטן אין שטוב איז זי מוותר אויף אביסל גשמיות אבער נישט אויף רוחניות, ס׳קען נישט זיין אז מען באקומט נישט קיין שכר אויף דעם. עס קען נישט זיין! זי וועט צוריקקומען דא ארבעטן. מען קען נישט פארלירן פרנסה פאר׳ן טון פאר׳ן אייבערשטן.״

ער האט זיך פארבינדן מיט׳ן בעל הבית פון דעם פלאץ, האט אים דער בעל הבית געזאגט אז מארגן גייט פארקומען אן אסיפה פון די הנהלה. דאס איז נישט קיין פשוט׳ע פלאץ; עס איז א פירמע וואס האט אסאך אפטיילונגען, סיי אין די שטאט אליין און סיי אין אנדערע שטעט. דער בעל הבית האט געפלאנט צו מאכן א גרויסע אסיפה זיך צוצוגרייטן אויף דעם קומענדיגן יאר, און ער וועט דאס דעמאלטס ארויפברענגען אויפ׳ן טיש.

דער איד האט זיך נישט געפוילט און איז אהין געגאנגען. ער האט געקלאפט אין די טיר וואו די אסיפה איז פארגעקומען און געוואלט אריינגיין רעדן, אבער מען האט אים געזאגט: ״דו באלאנגסט נישט דא, דו ארבעטסט נישט דא, און דו קענסט נישט אריינקומען.״ ער האט אבער נישט נאכגעלאזט; ער האט געקלאפט און געמוטשעט, געגאנגען פון איין טיר צום צווייטן און פון איין מענטש צום צווייטן, ביז דער בעל הבית האט אים ענדליך געזאגט: ״ווייסטו וואס, קום אריין, איך געב דיר פינף מינוט צו רעדן.״

**עפענען די מחיצה צווישן גיהנום און גן עדן**

ער קומט אריין און זאגט אז ער וויל דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט מיט׳ן באקאנטן ירושלים׳ער מגיד, רבי שבתי יודעלעוויטש זצ״ל. ער דערציילט אזוי: ער איז אמאל ארומגעפארן אין חוץ לארץ, דא אין אמעריקע, צו גיין נאך געלט פאר איינע פון די מוסדות אין ארץ ישראל. ער איז אריינגעקומען אין א בית המדרש, אבער מ׳האט אים נישט געוואלט לאזן רעדן. עס איז געווען א טיפישע אמעריקאנער בית המדרש וואו די מענטשן האבן נישט קיין געדולד אדער צייט, און עס האט זיי נישט אינטערעסירט אז ער זאל יעצט האלטן דרשות. ער האט זיך אבער איינגעבעטן ביים גבאי, ביז דער גבאי האט ענדליך מסכים געווען און אים געגעבן רשות צו רעדן פאר בלויז פינף מינוט. ער האט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן: ״רבותי, לאמיך אייך דערציילן א מעשה. עס איז דא אין גיהנום א ספעציעלע אפטיילונג פאר גרויסע עשירים. די עשירים זענען דארט געזעצן און עס האט געפלאקערט א שרעקליכע היץ; עס ברענט אזוי שטארק אז זיי קענען עס נישט אויסהאלטן. בלויז א קליינע מחיצה טיילט אפ צווישן גיהנום און גן עדן. בשעת זיי רייסן זיך פאר יסורים אין גיהנום, רחמנא ליצלן, הערן זיי פון די אנדערע זייט מחיצה ווי די צדיקים זענען זיך מתענג בתענוגים מיט לימוד התורה און השראת השכינה, זיי האבן ממש א תענוג דארטן.״

עס זענען געווען עשירים וואס זענען געזעסן אין גיהנום און געזאגט: ״דאס האט דאך נישט קיין פשט וואס דא טוט זיך. אויף דער וועלט (עולם הזה) איז דאך געווען פונקט פארקערט; זיי, די עשירים, זענען געזעסן אין הויכע, שיינע, רייכע און ברייטע הייזער, וואו עס איז געווען גוט געהייצט אין ווינטער און גוט אפגעקילט אין זומער. זיי האבן געהאט אלע תענוגים, בעת די צדיקים און ערליכע אידן האבן געלעבט אין פשטות און עניות, און זיך אזוי געמוטשעט אין זייער לעבן. און דא האבן זיך די יוצרות איבערגעדרייט? ס׳גייט נישט אזוי!״ זיי ווילן אויפברעכן א קליין לעכעלע אין דער מחיצה וואס טיילט אפ צווישן גיהנום און גן עדן, ווייל זיי ווילן שפירן כאטש א ביסל פונעם געשמאק פון גן עדן. האבן די צדיקים געזאגט אז ניין, זיי זענען נישט מסכים. זיי ווילן נישט אוועקגעבן גארנישט פון זייער גן עדן, און זיי ווילן נישט האבן קיין שום שייכות מיט גיהנום; זיי ווילן נישט נהנה זיין דערפון און אפילו נישט שמעקן דערפון. זיי ווילן גארנישט, ווייל גיהנום איז אזוי שרעקעדיג אז זיי ווילן זיך דערפון דערווייטערן. אבער די עשירים בעטן זיך ווייטער: ״עס איז דאך אזוי שטיקעדיג הייס דא, מיט אזעלכע יסורים, לאזט כאטש עפענען א ביסל לופט. פארוואס לאזט איר נישט אז מיר זאלן אויך נהנה זיין אביסל פון דער געשמאקער לופט פון גן עדן?!״

דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א
א לעכטיגן גוט מארגן ב קרח א דר״ח תמוז תשפו
קול פנים מאירות 845-414-8211

און דער רבי שבתי יודעלעוויטש שטעלט זיך אפ, און דער עולם שרייט: ״נו?״ זאגט ער: ״עס האבן זיך געענדיגט די פינף מינוט, איך קען נישט געבן די תשובה.״ זאגט אים דער גבאי: ״ענטפער, ענטפער! זאג ווייטער די דרשה, עס איז הערליך שיין, מיר מוזן וויסן די תשובה אויף דעם.״ האט ער געזאגט: ״לאמיך אייך זאגן אזוי, די צדיקים האבן געענטפערט פאר די עשירים און געזאגט: יא, מען קען עפענען די מחיצה, אבער נישט אין גן עדן. דאס דארף מען טון אין עולם הזה. אויבן, ווען מען איז שוין אויבן, קען מען שוין נישט עפענען קיין מחיצות און מען קען שוין גארנישט טון. אבער עס איז דא ערגעץ וואו מען קען יא. ווייסטו וואו? אין עולם הזה. אין עולם הזה, ווען מען גיט געלט פאר מוסדות התורה, ווען מען גיט צדקה פאר ארימעלייט, ווען מען עפנט אויף די קאסעס און מען טיילט געלטער, ווען מען איז מכבד און מען האט ליב אנדערע אידן און מען געבט זיך אוועק פאר א צווייטן, דעמאלט עפנט מען אויף די מחיצה וואס טיילט אפ צווישן גן עדן און גיהנום און עס קומט אריין א לעכטיגקייט.״ אזוי האט ר׳ שבתי יודעלעוויטש געזאגט.

האט דער איד געזאגט די זעלבע זאך. זאגט ער: ״הערט מיך אויס. דא איז דא א מחנכת וואס געבט זיך אפ מיט די קינדער מיט יראת שמים און מדות טובות מיט א ווארעם הארץ. אויף איר פערזענליך איז נישטא קיין שום טענות; זי ברענגט אריין יראת שמים אין די קינדער און זי געבט זיי אלעס וואס זיי דארפן. נאר וואס דען? זי געבט אפשר נישט אזויפיל ׳עולם הזה׳. און יעצט גייט זי נאך אדורך...״יסורים נוראים דורך דעם וואס איר קינד איז נישט געזונט, און יעצט ווילט איר איר צולייגן יסורים אויף יסורים? עס קען נישט זיין.״

און ווי נאר די הנהלה האט עס געהערט, פארשטייט זיך, האבן זיי אלע געזאגט: ״גערעכט, זי גייט בלייבן,״ און מ׳האט איר נאך צוגעלייגט און געדאפלט די שכירות מהיום והלאה פאר די גוטע ארבעט וואס זי לייגט אריין.

**דער מוסר השכל: לעבן מיט אמונה און אמת**

הייליגע טייערע אידישע קינדער, דאס איז א מורא׳דיגע מעשה, און די מעשה איז א געוואלדיגער מוסר השכל פאר אונז וואס דארף אונז אסאך לערנען. וואס דארף עס אונז לערנען? ס׳דארף אונז לערנען אז מיר דארפן וויסן, יעדער איד: טו וואס ס׳איז ריכטיג! לעב מיט פנים מאירות, לעב מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה, לעב מיט דביקות הבורא. דער הייליגער באשעפער **איז דא מיט אונז, און ער וויל אונז נאר ברענגען נאענט צו זיך. אלע שוועריגקייטן, אלע יסורים און אלע נסיונות וואס מיר האבן — סיי במחשבה, דיבור ומעשה, און סיי ברוחניות ובגשמיות — אלעס איז נאר מיט איין תכלית: אונז צוצוברענגען מיר זאלן האבן גן עדן אויף יענע וועלט און גן עדן אויף די וועלט. אויף די וועלט איז עס דורך אמונה פשוטה, און אויף יענע וועלט שפירט מען עס און מ׳זעט עס קלאר.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר זיך אלע שטארקן! לאמיר לעבן מיט די תורה! לעבן מיט שמחה! לעבן מיט מזמור לתודה! **און יעדער איד זאל ווערן א משפיע! פארציילט דא ״מזמור לתודה״ מעשיות, אמונה מעשיות, מעשיות פון מידות טובות און כיבוד אב ואם! פארציילט דא מעשיות פון קבלות טובות!**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען מיר פארציילן א מעשה, ווערט עס געהערט ביי צענדליגער טויזנטער מענטשן. איר האט נישט קיין אנונג וואס פאר א זכות הרבים דאס איז! איי, וואס האט איר פון פארציילן די מעשה? חוץ דעם וואס איר זענט מפרסם כבוד שמים, איז עס אויך פאר׳ן מענטש אליין. א מענטש כאפט נישט, אזוי לאנג ווי ער פארציילט נישט די מעשה אליין און ער ברענגט עס נישט ארויס, כאפט ער נישט וואס פאר א ישועות, וואס פאר א עבודת הקודש, וואס פאר א מסירות נפש, און וואס פאר א שכר און תענוג מען האט אויף די וועלט פון טון דעם רצון השם, פון זיך אוועקגעבן פאר׳ן אייבערשטן, פאר די תורה הקדושה, און פאר אידישע קינדער.

**דער אומגעהויערער כח פון א תפילה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איר ווייסט וואס דער כח פון תפילה איז? ראש חודש איז דא א כח פון תפילה, און בפרט יעצט אין די חדשים תמוז, אב, אלול, תשרי, וואס זענען מיוחד פאר תפילה. די צייט פון תשובה איז ספעציעל מיוחד פאר תפילה.

הערט א מעשה: משה רבינו האט אפגעגאלט אלע לויים. פאר די לויים זענען אריינגעקומען ארבעטן אין משכן, האט מען זיי

דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א
א לעכטיגן גוט מארגן ב קרח א דר״ח תמוז תשפו
קול פנים מאירות 845-414-8211

אפגעגאלט אינגאנצן, אן קיין שום האר, פון קאפ ביז די פיס. משה רבינו האט זיי אויך אויפגעהויבן און געמאכט א תנופה, פונקט אזוי ווי דער אייבערשטער האט געהייסן.

דער מדרש דערציילט אז קרח איז ארומגעגאנגען צווישן כלל ישראל אזוי אפגעגאלט. מען האט אים געפרעגט: ״קרח, וואס איז געשען?״ האט ער געענטפערט: ״דאס האט משה רבינו געמאכט!״ און ער האט צוגעלייגט: ״נישט נאר דאס, נאר נאכדעם וואס ער האט דאס געטון מיט מיר, האט ער מיך נאך אויפגעהויבן הויך און מיר געזאגט ׳דו ביסט טהור׳״, און אזוי ווייטער. ער האט געמאכט א גאנצע ליצנות, רחמנא ליצלן, פון די עבודת הקודש וואס דער אייבערשטער האט מקדש און מטהר געווען די לויים. ער האט עס אראפגעמאלן ווי כאילו משה מאכט סתם נארישע מעשיות. אנשטאט צו לעבן מיט א פשוט׳ע תמימות אוןביישטיין דעם ניסיון, אז א דורוך דעם ווערן זיי מקודש און מטוהר, האט ער געמאכט ליצנות פון משה רבינו, פונעם אייבערשטן און פון די תורה רח״ל.

משה רבינו האט זיך דערשראקן, וואס וועט דא זיין? האט ער געזאגט פאר קרח און זיין גאנצע עדה: ״לייגט ארויף קטורת, און איר וועט שוין זען וועמען דער אייבערשטער וועט אויסוויילן צו זיין דער קדוש.״ נאכדעם האט משה רבינו געבעטן א תפילה פונעם אייבערשטן: ״אל תפן אל מנחתם״ – נעם נישט אן זייער מנחה, און נעם נישט אן די קטורת וואס זיי ברענגען פאר דיר.

לכאורה איז שווער א קשיא, אזוי פרעגט רבי ירוחם פון מיר, און ער זאגט עס איבער בשם דעם אלטן פון קעלם: פארוואס האט משה רבינו בכלל געדארפט דאווענען? ס׳איז דאך פשוט אז דער אייבערשטער גייט עס נישט אננעמען. קרח איז דאך א בעל מחלוקת, ער איז א לץ, ער מאכט דאך ליצנות דא; דארף משה רבינו בעטן ביים אייבערשטן אויף אזא זאך?

זאגט אבער דער אלטער פון קעלם, אז עס שטייט דאך אין פסוק: ״קרוב ה׳ לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת״. אז מען דאווענט באמת צום אייבערשטן — אפילו איינער וואס איז א כופר, איינער וואס לייקנט אין די אמונה, אדער איינער וואס מאכט ליצנות פונעם אייבערשטן און פון משה רבינו — נאך אלץ האט משה רבינו מורא געהאט אז אפשר וועט דער אייבערשטער אננעמען זיין תפילה. ווייל תפילה איז ביים אייבערשטן א זייער שטארקע זאך. דער הייליגער באשעפער וויל אזוי שטארק אז מען זאל דאווענען, אז משה רבינו האט געציטערט אז זייער תפילה וועט אנגענומען ווערן, דעריבער האט ער געמוזט מתפלל זיין קעגן זייערע תפילות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען דא אויף דער וועלט און מיר דארפן זיך דערנענטערן צום אייבערשטן דורך תפילה. אמונה, שלום, בטחון און שמחה – דאס אלעס קומט ארויס דורך תפילה. ווען מען דאווענט, נעמט מען נישט מיט קיין סעלפאון, מען דרייט זיך נישט אויס צו קיין שכן, מען טרינקט נישט קיין קאווע, מען גייט נישט הכנות, און מען שמועסט נישט ווען דער בעל תפילה האט שוין אנגעהויבן ״אדון עולם״ – דעם ערשטן אדון עולם. דער זיידע ז״ל פלעגט אלעמאל זאגן: פון אדון עולם ביז אדון עולם שטייט מען אויף איין פלאץ; מען איז מצמצם די מוח, דאס הארץ און די אברים, בבחינת ״התפשטות הגשמיות״ ווי דער מחבר זאגט, און מען איז דבוק אינעם אייבערשטן, און דאס איז ״יקראוהו באמת״. מען פרובירט מצמצם צו זיין די מחשבות צום אייבערשטן. אוודאי זאל מען זיך נישט ארומדרייען, אוודאי נישט שמועסן, אוודאי נישט פארברענגען, און אוודאי נישט אפכאפן דאס דאווענען. מען דארף זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן און רעדן צו אים. דער אייבערשטער גלוסט נאך אונזערע תפילות, און מיט אונזערע תפילות קען מען אזוי פיל אויפטאן; דאס ברענגט אזוי פיל אמונה און אזוי פיל התקרבות להשם יתברך.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועל׳ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון, א גוטן חודש, א גוטן חודש!

***צעשפרייט פנים מאירות אויף די וועלט***

***ווילט איר ווערן א מדריך אדער א מדריכה עס איז א גאר שיינע פרנסה רופט מערכת פנים מאירות***

***845 – 414 - 8212***